בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת כי תבא תשע"ז** | **פרק ג'** | **גליון 425 [שנה ט']**

**וואס איז דער קשר פון ארמי אובד אבי צו וירד מצרימה?**

אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה: (כו ה) דארף מען פארשטיין וואס איז דער קשר פון אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי צו דעם אז יעקב איז אראפ קיין מצרים? דער אלשיך הק' ענטפערט א שיינעם מהלך: ווייל לבן האט געטוישט און געגעבן לאה פאר רחל, איז אויסגעקומען אז יוסף איז געבוירן כמעט די לעצטע, און פונדעסטוועגן האט אים יעקב ליב געהאט מער ווי די אלע ברידער, וואס זענען געווען עלטער פון יוסף, און דאס האט גורם געווען א קנאה ביי די ברידער, וואס דאס האט געברענגט אז מען זאל פארקויפן יוסף קיין מצרים, און אזוי האט יעקב געמוזט אראפ נידערן קיין מצרים, קומט אויס דורך אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי וואס לבן האט אפגענארט יעקב, וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה, האט יעקב געמוזט אראפקומען קיין מצרים, אבער אויב לבן וואלט געגעבן רחל פריערט, וואלט יוסף געווען דער בכור, וואלט נישט געווען די קנאה און מכירה פון די ברידער ע"כ. (אלשיך הק') וואלט מען געקענט דאס מרמז זיין אין דיווארט אֲרַמִּי איז דער נוטריקון **א**ונאת **ר**חל **מ**כירת **י**וסף. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**א ריכטיגע הכנה צום דאווענען**

וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ: (כו ה) דוד המלך זאגט תְּפִלָּה לְעָנִי כִי־יַעֲטֹף וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ: (תהלים קב א) אז פאר מען שטעלט זיך דאווענען פארן אויבערשטן דארף מען זיין ווי א עָנִי, וואס חז"ל זאגן (נדרים מ"א ע"א) אין עָנִי אלא בְּדֵעָה, און די תלמידי הבעש"ט זענען מסביר עָנִי בְּדֵעָה: מיינט מען דארף זיין ביי זיך בשפלות, זאגט דוד המלך: מען דארף זיך האלטן בשפלות און נאכדעם קען מען גיין דאווענען, און דאס מיינט דוד המלך כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנֹכִי (תהלים קט כב). ער איז שטענדיג געווען בשפלות ביי זיך. דאס מיינט דער פסוק וְעָנִיתָ, פריערט זאלסטו זיין א עָנִי בְּדֵעָה דאס מיינט שפלות, און נאכדעם וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ, קענסטו זיך שטעלן דאווענען פארן אויבערשטן.
(תפארת שלמה ראדאמסק מבואר ע"י המו"ל)

**מפרש זיין א אינטערסאנטע תרגום**

וּבָאוּ עָלֶיךָ כָּל־הַבְּרָכוֹת הָאֵלֶּה וְהִשִּׂיגֻךָ כִּי תִשְׁמַע בְּקוֹל ה' אֱלֹקֶיךָ: (כח ב) זאגט דער תרגום אויף וְהִשִּׂיגֻךָ, "וְיִדְבְּקֻנָּךְ", איז שווער ווייל וְהִשִּׂיגֻךָ מיינט דערגרייכן און וְיִדְבְּקֻנָּךְ מיינט זיך אנטשעפן אין דיר, אויב אזוי וואס איז די כוונה פון תרגום דא? נאר צו פארשטיין דעם תרגום קען מען זאגן, ווייל עס שטייט וְשַׂמְתִּי (ונתתי) כִסְאִי בְּעֵילָם: (ירמיה מט לח) וואס מיינט אז דער אויבערשטער וועט לייגן זיין כסא אין שטאט עֵילָם, אֲרָם? נאר דער אויבערשטער איז משפיע שֶׁפַע צו אידן דורך דעם שַׂר וואו זיי וואוינען און דער שַׂר איז משפיע שֶׁפַע די אידן, דאס מיינט וְשַׂמְתִּי כִסְאִי בְּעֵילָם, דורך זייער שר. אבער ווען דער בית המקדש איז געשטאנען איז געווען פארקערט, דער אויבערשטער האט געגעבן די ברכות און שֶׁפַע פאר די וועלט צו די אידן און דורך די אידן האבן די פעלקער אויך געהאט שֶׁפַע, אבער עס איז א גרויסער חילוק, ווייל ביי ווען די שֶׁפַע קומט אָן אפילו ער גיט דאס ווייטער אבער די שֶׁפַע קלעפט זיך אויך צו די משפיע, דעריבער ווען די שֶׁפַע קומט דורך די שָׂרִים פון די פעלקער פאר די אידן, קלעפט זיך אן צו זיי א חלק פון אונזער שֶׁפַע, אבער בזמן המקדש וואס די אידן זענען משפיע פאר די פעלקער האט זיך אנגעקלעפט שֶׁפַע פאר די אידן פון די שֶׁפַע וואס איז אריבער צו די פעלקער, דאס מיינט דער תרגום וְיִדְבְּקֻנָּךְ, מיינט די שֶׁפַע וועט זיך אנקלעפן אין דיר, און דאס שטייט אין פסוק וּנְתָנְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ: דער אויבערשטער וועט אייך געבן, עֶלְיוֹן עַל כָּל־גּוֹיֵי הָאָרֶץ, צו זיין די משפיע פאר די פעלקער, ממילא וּבָאוּ עָלֶיךָ כָּל־הַבְּרָכוֹת הָאֵלֶּה, וועט איר אויך באקומען א חלק פון דעם שפע.
(תפארת יהונתן אייבישיץ)

**עבודת ה' בשמחה אין חז"ל און אין רמב"ם**

תַּחַת אֲשֶׁר לֹא־עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל: (כח מז) שטייט אין (מדרש שוחר טוב): אמר רבי: כשתהיה עומד לפני להתפלל יהא לבך שמח עליך שאתה מתפלל לאלהים שאין כיוצא בו, כי זאת היא השמחה האמתית שיהיה לבו של אדם עָלֵז, על שהוא זוכה לעבוד לפני אדון יתברך שאין כמוהו, ולעסוק בתורתו ובמצותיו שהם השלימות האמתי והיקר הנצחי... ומצינו שנתרעם הקב"ה על ישראל מפני שחיסרו תנאי זה בעבודתם, הוא שנאמר: 'תַּחַת אֲשֶׁר לֹא־עָבַדְתָּ וגו'. דער הייליגער רמב"ם שרייבט (הל' לולב פ"ח הט"ו) וז"ל "השמחה שישמח אדם בעשיית המצוה ובאהבת הא–ל שצוה בהן עבודה גדולה היא, **וכל המונע עצמו משמחה זו ראוי להפרע ממנו**, שנאמר 'תַּחַת אֲשֶׁר לֹא־עָבַדְתָּ וגו'. קומט אויס ווי וויכטיג עס איז מען זאל זיך פרייען ווען עס קומט צו טאן א מצוה און אין עבודת ה'.

## מדור העובדות

### א גוטער ברודער האט צוריק געברענגט עשירות פאר זיין חבר

הגה"ק ר' משה -מישקין- מידנער זצוק"ל (כ"ג חשון תר"ץ) [בן רבי יעקב לייב מישקין איידעם פון דער יסוד העבודה הרה"ק רבי אברהם מסלונים] איז געווען א מנהיג רוחני און זיין ספר כתבי ר' משה מידנער [כתבי רמ"מ] איז א ספר יסוד ביי די מבקשי ה'. ער איז אויך געווען ראש ישיבה פון ישיבת תורת חסד אין בארנאוויטש. ער האט געהאט א נאנטקייט מיט הגר"ח פון בריסק און הגאון ר' אלחנן וואסערמאן זצ"ל און נאך. ער פלעגט אויך ארום גיין אין די שטעטלאך קלייבן די מעמדות געלט פארן רבי'ס הויף, און וואו ער איז געגאנגען האט ער געהאט גרויס כבוד און הצלחה.

איינמאל א יאר פלעגט ער פארן קיין סקידעל א שטעטל אין גראדנא גובערנא, און דארט האט געוואוינט א חסיד ר' שמואל חיריג, וואס ר' משה פלעגט איינשטיין ביי אים, ר' שמואל האט נישט געלאזט ר' משה זאל ארומגיין, נאר ער איז געגאנגען פאר אים. ער איז אויך געווען א גרויסער עושר און פלעגט אליין געבן א גרויסע סכום געלט. איין יאר ווען ר' משה איז אנגעקומען קיין סקידעל און ר' שמואל האט אים דערזען איז ער צוגעלאפן צו אים און געהאלפן ארייגיין ביי אין צימער, אבער פון רוב צוטומולטקייט האט ר' שמואל פארשפארט ר' משה'ן אין זיין צימער. און א שטיק צייט ארום האט ר' שמואל זיך געכאפט וואס ער האט דא געטאן! און ער איז שנעל געלאפן עפענען די טיר פאר ר' משה.

ר' משה רופט זיך אן רוהיגערהייט צו ר' שמואל: "עס זעט זיך אויף דיר א שטארקע אומידיגקייט און עס פאסט נישט פאר א חסיד!" זאגט אים ר' שמואל "ריכטיג! אבער דעם יאר האב איך ליידער געמוזט פארמאכן מיין פאבריק און

אוועק געשיקט מיינע ארבעטארערס און איך האב ממש נישט אויף ברויט, און איך האב יעצט געהאט א קינד און איך מוז אויך פירן די ווירטשאפט פון שטוב דעריבער דריי איך זיך אן א קאפ.״

ר׳ משה פרעגט אים, דו ביזט א מאמין אז דער אויבערשטער קען דיר שיקן א ישועה אפילו פון א פלאץ וואס דו וואלסט נישט געראכטן? ענטפערט אים ר׳ שמואל, ״אוודאי יא!״ גוט, איך וועל דיר דערציילן א מעשה שהיה:

עס איז געווען א איד וואס האט געהאט א שענק ביי אים אין דארף אסאך יארן און האט זייער מצליח געווען, ביז איין טאג האט א גוי אויפגעעפנט א שענק אין דארף און עס האט נישט געדויערט לאנג ביז די גויים זענען אוועק פון אידישן שענק און געגאנגען טרינקען ביים גוי. דער איד האט זיך נישט געקענט א עצה געבן, און זיין השתדלות ביים פריץ אז ער איז שוין דא אסאך יארן און ער וועט יעצט פארלירן זיין פרנסה, איז געגאנגען אויף טויבע אויערן. גראדע דער פריץ איז געווען אמאל זייער פריינדלאך מיטן איד, ווייל ער האט ליב געהאט צו טרינקען, און דער איד פלעגט אים אלעמאל צו שטעלן די בעסטע ווייַן. אבער ווען דער גוי האט זיך געעפנט, האט דער פריץ געשיקט זיין משרת צו גיין קויפן ווייַן ביים גוי.

עס איז אריבער א צייט און די אלע ווייַן פון דעם איד׳ס שענק האבן זיך געענדיגט און ער האט נישט געהאט קיין געלט אויף צו קויפן ווייַן. און ביז א קורצע צייט האט ער נאר געהאט גענוג געלט אויף ברויט און וואסער. דער איד איז געווען א בן יחיד און זיין אלטע מאמע א אלמנה האט רחמנות געהאט אויף איר זון און געזוכט אים ארויס העלפן מיט וואספארא ארבעט זי זאל קענען עפעס פארדינען, אבער פון הימל האט מען געוואלט אנדערש! דער מצב האט שוין געהאלטן אז מען מוז פארמאכן דעם שענק, אבער די מאמע האט געזאגט מען דארף זען צו בעסער מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל זיי שיקן א ישועה און אזוי האבן זיי זיך ביידע שטארק אויסגעוויינט פארן אויבערשטן פאר א ישועה.

דער אויבערשטער מאכט שטענדיג וואונדערס, און אין יענע נאכט האט דער פריץ געמאכט א סעודה און געלאדענט אסאך פריצים און שרים פון נאנט און פון ווייט און זיי האבן זיך גענומען טרינקען און דער פריץ איז שוין געווארן דערהויבן פון די ווייַן און די געסט לויבן דעם פריץ פאר די שיינע סעודה. אבער אז מען טרינקט פאדערט זיך מער און די ווייַן האט זיך געענדיגט, דער פריץ וואס איז כמעט געווען שיכור רופט צו זיין משרת און הייסט אים גיין צום אידישן שענק ברענגען ווייַן און אויב דער איד וויל דיר נישט פארקויפן זאלסטו אים שטראפן. דער משרת פרעגט פארוואס זאל ער נישט גיין צום גוי? און דער פריץ שרייט אים אן: איך האב דיר געהייסן גיין צום איד!

דער משרת האט נישט געהאט קיין ברירה און אינמיטן נאכט קלאפט ער אן ביים טיר פון איד און זאגט אז דער פריץ האט מיר געשיקט קויפן ווייַן ביי דיר! דער איד ווערט שלעכט ווייל ער האט נישט קיין ווייַן, און זאגט פארן משרת אז האט נישט קיין ווייַן! דער משרת גייט צוריק צום פריץ און זאגט אז דער איד האט נישט קיין ווייַן, דער פריץ איז יעצט שוין מער שיכור, און זאגט דעם משרת אויב ער ברענגט נישט ווייַן פון איד וועט ער זיי ביידן הרגענען! דער משרת לויפט צוריק צום איד און זאגט אים וואס דער פריץ האט געזאגט, און דער משרת גייט אריין אין שענק צו זען צו דער איד זאגט אמת! דערווייל אין חצר זענען געווען א פאר פעסער, און דער משרת האט געשאקלט די פעסער און געזען אז זיי זענע פול. בייזערהייט שרייט ער אן דעם איד אז ער נארט אים אפ ווייל די פעסער אין חצר זענען פול!

דער איז האט געכאפט אז די פעסער זענען געווארן אנגעפילט פון רעגן און עס איז נישט ווייַן נאר רעגן וואסער! דער איד גיט א תפילה צום אויבערשטן ער זאל אים ווייזן די ריכטיגע וועג ארויס, און דער איד איז איינגעפאלן אז היות אין די פעסער איז נאך דא די זאץ פון ווייַן, האט ער געמישט די רעגן וואסער מיט די זאץ עס זאל האבן עפעס א טעם פון ווייַן, און אנגעפילט א סאך פלעשער און דאס געגעבן פארן משרת פון פריץ.

דער משרת דאנקט דעם איד און זאגט אז מען וועט אים שיין באצאלן אויב די ווייַן וועט געפעלן דעם פריץ און די געסט. דער איד איז ווייטער מתפלל אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן אין די שווערע לאגע, און דער אויבערשטער האט זיך צו געהערט. ווען דער פריץ האט געטרונקען פון די ווייַן האט ער געזאגט אז ער האט שוין לאנג נישט פארזוכט אזעלכע גוטע ווייַן, און אויך האבן די געסט געלויבט די ווייַן און מען האט די אלע פלעשער ווייַן אויס געטרונקען און דער שיכורער פריץ שיקט זיין משרת צום אידישן שענק און הייסט אים גיין אנפילן נאך פלעשער ביים איד. דער איד האט ווייטער אנגעפילט די אלע פלעשער פון פריץ, פון די פעסער פון רעגן וואסער, און דער משרת האט געברענגט די פלעשער ווייַן און עס איז געווען גענוג ביזן ענדע פון די סעודה. די אלע געסט האבן געדאנקט דעם פריץ פאר א שיינע סעודה און בפרט פאר די גאר באטאמפטע ווייַן.

אינדערפרי ווען דער פריץ האט זיך אויף געוועקט האט ער געלויבטן פון די גרויסע כבוד וואס ער האט געהאט ביי די סעודה, און האט געשיקט מיטן משרת א אוצר מיט געלט פארן איד פאר די גאר גוטע ווייַן און געגעבן א באפעל אין דארף אז פון יעצט אן מוז יעדער קויפן ווייַן נאר ביים איד. דער איד האט יעצט געהאט א אוצר מיט געלט, און איז גלייך אריבער צום גוי, וואס האט גוט געוואוסט אז זיין שענק וועט ער מוזן פארמאכן, און דער איד האט אפגעקויפט די אלע ווייַן פון גוי פאר זייער ביליג, און ביז א קורצע צייט איז ער געווארן צוריק א עושר! זיין אלטע מאמע האט אין א טאג געזאגט איר זון אז זי האט געהאט גרויס בטחון אז דער אויבערשטער וועט זיי העלפן און האט נאר נישט געוואוסט ווי אזוי וועט דאס קומען פון ה׳, אבער צו מאכן אז רעגן וואסער זאל ווערן ווייַן דאס וואלט א מענטש נישט געקענט טראכטן.

האט ר׳ משה אויסגעפירט: אז מען זעט אפילו עס איז גאר ענג און מען זעט נישט קיין וועג ארויס ח״ו, פונדעסטוועגן וואס דער אויבערשטער קען טאן קענען מיר נישט משיג זיין, און דוקא פון וואו עס איז נישט מעגלאך, פון דארטן קומט די ישועת ה׳, ובכן: אלץ א גוטער ברודער הייס איך דיר גיין אין מארק און דער ערשטער געשעפט וואס מען טראגט דיר אן זאלסטו קויפן, און אפילו דו וועסט טראכטן אז עס איז נישט מעגלאך אז פון יענע זאך וועסטו נישט ווערן רייך, זאלסטו וויסן אז דוקא פון דארט וועט זיין דיין ישועה. ר׳ שמואל ווערט בארוהיגט און זאגט אז ער וועט פאלגן, און ער איז געגאנגען אין מארק און האט איינגעהאנדלט די ערשטע געשעפט, אן חשבונות נאר מיט אמונה אין זיין גוטער ברודער, און ער איז ביז א קורצע צייט צוריק נתעשר געווארן. (שיח חסידים) מרן רבינו אור ישראל מסטאלין ומנו״כ בפרנקפורט זצוק״ל האט געזאגט אז מען קען פויעלן ביי א גוטער ברודער מער ווי ביים צדיק אליין.

דער גליון איז מוקדש לעי״נ הבחור יוסף שמואל ע״ה ב״ר צבי אלימלך נ״י היה בן 14 ועזר הרבה בהפצת הגליון, און לעי״נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר׳ מיכאל בן רחמים נימני זצ״ל כ״א תמוז תשע״ז

**הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

ספר גבעת פנחס על איוב מהמגיד מפאלצק תלמיד הגר״א נדיר מאוד $5000. ספר ״והוא שאול״ פולמוס על החיים באמעריקא מיוסד על שיר השירים באסטאן תרע״א $1000, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי״א $5000 שו״ת חת״ם סופר ב׳ כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליץ קראקא ר׳ יעקב הורוביץ ור׳ אלעזר הורוביץ 2000$ ספר עם חתימת הרה״ק ר׳ אביש מקראלא עם קמיע $7000 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר׳ אברהם פאם $180 סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא $5500, שו״ע או״ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג׳ חלקים. תהלים עם ע״ט נדפס זיטאמיר של הסידור $7500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, ספר שייך להגה״ק ר׳ משה הגר מראדאוויץ ועוד הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה״ק ר׳ יהושע הלברשטאם מדאלינא 1000$, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר׳ חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה״צ מטאש זצוק״ל, א בריוו פון הרה״ק ר׳ מרדכי ובנו ר׳ אברהם די זוויהעלע רבי׳ס זצוק״ל, א גמרא פון הגאון ר׳ שלמה היימאן זצ״ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת״י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע״י חפץ חיים $400 שו״ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר׳ מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגען פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמוֹת?